# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Der Balebatisher Yoyred / The Honorable Emigrant (From Israel)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1g68v833

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

### Author
Lazar Traister, Leyzer Treyster /

### Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אין בלעטערפאַל

אין בלעטערפאַל, דאָס האַרץ פאַרפעלט אַ קלאַפּ.
ווי יצחק־לאָם, דער אָטעם איינגעהעמט,
געפּענטעט כ׳ליג; אין צוואַנגען־שריפֿ פאַרקלעמט.
געפינסט קיין דראַמע נישט, געפיל אַ קאַפּ.
די שוועסטער שווימט צום סוף פון שיכט. אַ טאַפּ
דעם דופק — קאַלט — פון גליוועך־פגר. פרעמד.
אַ נודנע שפּיל; דאָס פּסולת־מענטש, בלאַנק העמד,
און ס׳שטויסט דער טויט — צעבושעוועטער צאַפּ.

בלאַ־גרין אויף לילאַ קושט פיאַלעט. — קאַיאַר.
געפלעקט בלוט־רויט אויף רוזש און געל, לעצט־קראַנק,
עס בליקט דער בלעטערפאַל — דורך שויב — צעפלאַמט.
געפליקט פון ווינט — אַ ווילדער שדים־כאַר —
איז מוסיף נאָך אַ טרער, אויף מענטש אין צאַנק,
דער בוים צעפיבערטער, דאָס בלאַט פאַרפלאַמט.

ליזער טרייסטער / ניו־יאָרק

# דער באַלעבאַטישער יורד

(דערציילונג פון קיין מאָל פאַרגעסענע)

1.

ביים טיש אין דער סאַליע, ווו פון סופיט איז אַראָפּגעהאַנגען אַ לייכטנדיקער בליצלאָמפּ, איז מיטן רוקן צו די אונטע־דיק־טונקעלע פענצטער געזעסן ר׳ יאַנקל יוסף און האָט מיט טיילוויז אַראָפּגעלאָזטע טריבע אויגן געקוקט אויף זיין טאָכטער באַלטשע.

געווען איז באַלטשע אין איר שלאָפּ־צימער, וואָס נישט הייט פון דער סאַליע, און האָט זיך אָנגעטאָן צו אַ באַגעגעניש מיט אירס אַ באַעקנטן יונגנמאַן. זי איז אָבער געווען אומהיימלעך צעטראָגן אין איר פאַרפאַרעטקייט.

אָן אַנדער מאָל, בעתן אָנטאָן זיך, וואָלט זי געמאַכט ליבלעכע הפסקות. זי וואָלט אַרויסגעקוקט פון שלאָפּצימער צום פאָ־טער, געשמייכלט און געפרעגט ווי ס׳גע־פעלט אים דאָס העלע קליידל וואָס זי טוט אָן; די ווייסע לעטשלעך; צי די האָר זענען שוין פאַרקעמט. איצט האָט זי אָבער נישט געוואָלט פרעגן און נישט הערן זיין אָפּרוף. נאָך מער, ס׳וואָלט זי כלל נישט געאַרט ווען ער קאָן שוין אפילו מער זיינע ליפּן נישט עפענען.

ר׳ יאַנקל יוסף האָט פאַרשטאַנען איר געמיט. מיט זיין פאָטערלעך האַרץ האָט ער אויך שטאַרק מיטגעפילט מיט איר. ער האָט אָבער גאָר נישט געקאָנט טאָן צו בייטן איר ביטערניש צו אים. געווען איז ער אַן אַלמן, פון אַ יאָר 60, מיט אַ קיילעכדיק־גרוי בערדל, און מיטלוווקסיק. געטראָגן האָט ער אַ זומעריש העל־ריפּסן רעקל, אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, אויפן וועסטל אַ זייגער־קייט צווישן די אונטער־שטע קעשענקעלעך, און די הענט האָט ער געהאַלטן פאַרפינגערט אויף דער ספּראַנ־

זשקע פון הויזן־פּאַסעק, בעתן קוקן אויף זיין בת־יחידה.

מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז געווען דער באַלעבאָס פון עטלעכע גרויס־שטאָטישע דראָשקעס מיט הויכפיסיקע מאַיעסטעטיש שיינע פערד, האָבן מענטשן אים מיט גרויס כבוד גערופן: ר׳ יאַנקל־יוסף. און אַזוי איז עס געבליבן. אפילו היינט, כאָטש ער איז בלויז אַ שאָטן פון דעם אַמאָל, דאָך איז דער דרך־ארץ צו אים אַלץ איינס נישט געמינערט. און דאָס, נישט דווקא אין זכות פון זיין געוועזענעם מעמד. ס׳איז אויך איבער זיין אַנדערשקייט פון די אַנדערע פורמאַנעס. אַ בן־יחיד פון אַ געוועזענעם פּאַכטער ביי אַ פּוילישן פּריץ, האָט ער אין זיינע יונגע יאָרן געהאַט גוטע מלמדים, וואָס האָבן מיט אים אויך געלערנט אַלגעמיינע לימודים, און ער איז, אַ דאַנק דעם רבונו־של־עולם, געוואָרן אַ מענטש מיט אַ שפּאָר ביסל וויסן. אָפּט דאַווענט ער שחרית פאַרן עמוד אין בית מדרש, און יודעי־ספר ריידן צו אים מיט פּסוקים, אָדער מיט מימרות פון תלמוד.

אויך ביי דער טאָכטער איז ער תמיד געווען שטאַרק געאַכט. איצט וואָלט עס איר אָבער נישט געאַרט ווען זי ווערט אַ צווייפאַכיקע יתומה, ס׳הייסט מחוץ נאָך איר מוטער — אויך נאָך אים.

געווען איז די טאָכטער פון אַ יאָר 20, עטוואָס העכער פון מיטלוואוקס, און מיט קאַשטאַן־ברוינע האָר. איר פּנים, שמאָל און איידל, איז געווען בלאַס און פאַרטרערט. בעתן פאָרקען זיך מיט די מלבושים איז זי געווען שטאַרק אויפגעטרייסלט. שפּילקעס, האָר־קעמלעך, פלעשעלעך מיט שמירעכץ — אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. ענדלעך, אַז זי איז שוין געווען פיקס־און־פאַרטיק מיט איר אויסשטאַט, האָט זי האַסטיק אַרויסגעשפּרייזט פון שלאָפצימער, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ ווינטל מיט איר שאָרכנדיק קליידל, דורכגעאיילט דורך דער סאַליע, אפילו קיין בליק נישט געטאָן צום טריב־זיצנדיקן אַלטן פאָטער, און איז אַרויס אין גאַס.

2.

געשטאַנען איז זי, באַלטשע, אויפן אָוונטדיק־פאַרווישטן טראָטואַר, נישט ווייט פון איר היים, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אויף אַ ברייט־צעצווייגטן בעזבוים, וואָס מיט ווייס־בלויען בליעכץ, און האָט מיט פאַרטרעטע אויגן געקוקט דורך דער פינצטערניש צום אָפּשיין פון אַ ווייטן עלעקטריש־אָנגעצונדענעם גאַסן־לאָמפּ.

דאָרט האָט זיך האַסטיק באַוויזן איר הויכער 20־יעריקער בחור, שלומקע, וואָס איז געקומען פון זיינע עלטערנס היים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמד, אין ווייסע הויזן, אויפן קאָפּ שוואַרצע האָר — אַ שטרויען קאַפּעליושל, אַראָפּגערוקט צו די אויגן, ווי אַ בעל־שמחה, און איבערן אָרעם אַריבערגעוואָרפן דאָס רעקל.

ווי יעדן פרי־אָוונט האָט ער אויך איצט זיך געאיילט צום בעזבוים, ווו זי האָט אויף אים געוואַרט, צו נעמען זי אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. ווי יעדן אָוונט איז ער אויך דאָס מאָל געווען מלא פריידן צום באַגעגעניש. ער וועט זי נעמען ביי אַ האַנט, אַוועקגיין מיט איר צום מיט־שטאָטישן גאָרטן, פאַרברענגען דאָרט ביינאַנד אַ שטיקל צייט, דערנאָך זיך לאָזן מיט איר צו דער ציכטיקער לאַנגע אַלייע מיט אַקאַציע־ביימער, וואָס אין דער אַריסטאָקראַטיש־גוישער געגנט, און פון דאָרט צום בריקל איבערן טייך, וואָס פליסט שאָרשענדיק שטיל אין טאָל צווישן די פעלדער ביים ראַנד שטאָט.

דערזען אין אים אַזאַ אויפגעלייגטקייט, ווי יעדן אָוונט, האָבן ביי איר, באַלטשען, די טרערן גענומען פליסן שטאַרקער. אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי אין הויכן פיבער, און פון האַלדז האָבן זיך אַרויסגעריסן שלוכצן איינס נאָכן אַנדערן.

אין פאַרלויף פון חדשים איז זי אַרומגעגאַנגען מיט שלומקען אָן דעם וויסן פון איר פאָטער. ווינטער־צייט האָט זי זיך באַגעגנט מיט אים אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק „ספריה״. מיטן אָנהייב פון די זומער־טעג — דאָ ביים בעזבוים. מיט אַ מאָל האָט עמעצער דערטראָגן צום פאָטער אַז זי, באַלטשע, גייט אַרום מיטן זון פון אַ נישט־חשובן פורמאַן. און זינט דעמאָלט איז אין איר איינזאַמער שטילער היים געוואָרן ווי אין די זעלנערישע באַראַקן אַרום דער שטאָט. די געשרייען און די וואָרנונגען האָבן גאָר נישט אויפגעהערט. דער פאָטער האָט געהאַלטן אין

אין פאַדערן זי זאָל אָפּהאַקן מיטן יונג. זי האָט געפּלעגט טענהן אַז זי קען אים נאָך פון דער שטאָטישער פאָלקסשול, ווו זי און ער האָבן געלערנט אין די זעלבע קלאַסן; אויך אַז נאָך אַן אָפּלויף פון עטלעכע יאָר האָט זי זיך מיט אים געטראָפן אין דער „ספריה" ביים לייען ביכער; און אויך אַז ער איז אַן איידעלער בחור, ער אַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער באַנק „עזרה". ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן.

— ער האָט סיי ווי אין זיך דעם באַלעגאָלישן דם־חיה... — האָט דער פאָטער געשריען. — כ'וויל נישט האָבן קיין באַלעגאָלישן זון פאַר מיין אײדעם. און אַז וועסט אָפּקערן פון כיבוד־אב, גרינגשעצן מיין רצון, וועסטו גיין צו דיין חופּה אָן מיר.

סוף־כל־סוף האָט זי, באלטשע, מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די געשרייען און דעם דרוק. זי האָט געפילט, אַלץ פון קאָפּ ביז צו די שפּיץ־פינגער ווערט ביי איר שוואַך און שוואַכער. און הייבט אָוונט האָט זי זיך אונטערגעגעבן. גלייך נאָך דער וועטשערע האָט זי זיך אָנגעטאָן אין אַ זומעריש קליידל, אין לעטשלעך, פאַרקעמט זיך די לאַנגע קאַשטאַן־ברוינע האָר און איז אַרויס פון הויז.

זינט דעמאָלט שטייט זי דאָ ביים צעבליטן בעזבוים — דאָס באַגעגעניש־פּלאַץ אין די זומער־אָוונטן — און וואַרט מיט פאַרטרערטע אויגן אָנצוזאָגן די שלעכטע בשורה שלומקען וואָס איז איר זייער שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרץ.

דערזען אים, האָבן אָבער די טרערן גענומען פליסן שטאַרקער, די ליפּן האָבן געציטערט ווי אין הויכן פיבער, און פון האַלדז זיינען אַרויס שלוכצן איינס נאָכן אַנדערן.

— וואָס איז געשען? — איז דער הויכער שלומקע געבליבן שטיין פאַר איר און מיט באַשראָקנקייט אין קול געפרעגט:
— וואָס ציטערסטו אַזוי, באלטשע ליבע?
באלטשע האָט נישט געקאָנט ענטפערן און אַרויפגעטאָן אַ האַנט אויף זיין אָרעם.

— שרעקסט מיך מיט דיין שוויגן — איז ער צוגעשטאַנען און האָט געפאָדערט אַן ענטפער. — כ'קאָן קיין טראָט מיט דיר נישט שטעלן צום שפּאַצירן, איידער דו זאָגסט מיר...

באלטשע האָט זיך העכער צעיאָמערט און דורך העשעריי אַרויסגעקלאָגט:
— מיר וועלן נישט גיין שפּאַצירן, שלומקע... דאָס איז ס'לעצטע מאָל וואָס מיר באַגעגענען זיך.

ביי שלומקען האָט אַלץ מיט אַ מאָל אַ ציטער געטאָן. פון איבעראַשקייט האָט דער גאַנצער קערפּער זיינער אַ רוק זיך געטאָן אויף אַ טריט, צוויי, הינטער זיך — און פון זיין אָרעם איז אַראָפּגעפאַלן באלטשעס וואַרעמע האַנט.

באַלטשע האָט געוואָלט דערנענען צו אים, ווידער אַרויפלייגן איר האַנט אויף זיין אָרעם, זאָגן אַז זי וועט אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט. דאָס שטיקל מחיצה צווישן איר און אים איז איצט געוואָרן ווי אַ מהלך פון הונדערטער מייל. פון איר האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פּריש געיאָמער — און זי איז איילִיק צוריק אַהיים.

### 3.

אין דער סאַליע, ווו זי איז אַריין, איז דער פאָטער נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש, אָבער נישט ווי פריער. ער איז געזעסן ביים טיש מיטן פּנים צו די נאַכטיק־טונקעלע פענצטער־שויבן, וואָס זענען געווען פאַרצויגן מיט פאַרהאַנגען.

כאָטש ער איז געווען באַטריבט, פאַרזונקען אין אומעטיקע מחשבות, דאָך האָט ער, ר' יאַנקל יוסף, געהערט ווען די טאָכטער איז צוריקגעקומען פון גאַס. ער האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך אויך נישט אויסגעדרייט ווען זי איז עטלעכע שפּאַן הינטער זיין שטול פאַרביי און אָן אַ וואָרט אַריבער צו איר שלאָפצימער. ער האָט זיך אפילו אויך נישט ווייסנדיק געמאַכט, ווען זי האָט דאָרט, אין שלאָפצימער, נאָכן אויסטאָן זיך, געלאָשן דעם לאָמפּ, אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט און הויך זיך צעיאָמערט.

אַן אַנדער מאָל וואָלט ער, ר' יאַנקל־יוסף, איצט שוין געווען אין בעט. זינט דעם טויט פון זיין פרוי מיט 6 יאָר צוריק איז ער נישט דער זעלבער — נישט אין געמיט און נישט אין געזונט — און ער

גייט פרי שלאָפן. ווען די פרוי האָט גע־
לעבט, זיינען זיי ביידע דאָ, אין דער סאַליע
געזעסן פיל שעהען. זי האָט געלייענט
אַ יידישע ציטונג, און ער האָט אַריינגע־
קוקט אין אַ חומש, אָדער אין אַ גמרא.
אויב נישט דאָס, האָבן זיי געשמועסט.
קאָן ער אַזוי זיצן אַ לאַנגע צייט מיט דער
טאָכטער און שמועסן מיט איר וועגן
אַלערליי זאַכן ווי מיט איר מוטער? און
אַליין, אין אַרומיקער טריבקייט, איז דאָך
ביי אים אפילו נישטאָ דער באַגער אַרייג־
צוקוקן אין אַ ספר און הנאה האָבן פון
אַ שטיקל תורה.

הײנטיקן אָוונט איז ער אָבער נישט
געגאַנגען אין בעט אַריין איבער דער
טאָכטער. ער האָט געוואָלט וואַרטן און
זען ווען און אין וואָסער געמיט זי קומט
אַהיים פון דער גאַס. און איצט, אַז זי איז
שוין דאָ צוריק, קאָן ער אָבער זיך נישט
אויפהייבן און גיין שלאָפן — איבער איר
געיאָמער. אַ דראַנג האָט ער, אגב, געהאַט
אויפצושטיין און זאָגן דער טאָכטער אַז
זי זאָל נישט צוזאַמענפאַלן. ס'איז נאָך נישט
עק וועלט. איר קומט אַ בעסערער שידוך.
ער האָט אָבער צוגלייך געפילט, איצט איז
נישט די צייט פאַר דעם. ס'וועט ערגער
מאַכן. דאָך איז ער סיי ווי אויפגעשטאַנען.
ער האָט געלאָשן דעם בליצלאָמפּ, וואָס
איבערן טיש, און איז געגאַנגען אין זיין
אייגענעם שלאָפצימער אַריין.

די נאַכט איז אָבער געווען אַ שלאַנגען־
גרוב. ער האָט נישט געקאָנט ליגן און
נישט זיצן.

אין דער פרי — אין זעלבן מלבושים־
אויסשטאָט וואָס נעכטן אָוונט, נאָר מיט
אַ שטרויענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ —
איז ער, ר' יאַנקל־יוסף, געשטאַנען ביי
דער טיר פון דער בת־יחידהס שלאָפּ־
צימער און האָט איר געוואָלט אויסריידן,
איידער ער גייט אין גאַס אַריין פאַר
פרנסה־וועגן. ער האָט אָבער נישט גע־
קאָנט. זי איז געלעגן אין בעט און האָט
ווידער געיאָמערט. דער עול צו גיין אין
גאַס אַריין צוליב חיונה איז אים מיט
אַ מאָל געוואָרן אַ לאַסט. ער האָט געוואָלט
בלייבן אין הויז און נישט לאָזן די יתומה
אַליין אין אַזאַ צעפייניקטן מעמד. ס'איז
אָבער געווען אוממעגלעך. דורך די אָפענע
פענצטער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל
געהערט פון דרויסן דאָס קול פון זיין
געדונגענעם מענטש, דעם שטאָל־משרת:

— באַלעבאָס! דער געשפאַן איז שוין
גרייט. ס'ווערט שפּעט.

ער, ר' יאַנקל־יוסף, האָט עס יעדעס
מאָל ווי נישט געהערט. אָבער ווי לאַנג
קאָן ער עס אָפּלייגן?

— כ'וועל זיך לאַנג נישט זוימען אין
גאַס — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו דער
יאָמערנדיקער טאָכטער און איז אַרויס.

אין גאַס, ווו הינטער די פענצטער איז
געשטאַנען דער געשפאַן — אַ דראָשקע
און אַ פערד — איז ר' יאַנקל־יוסף איינ־
געשטיגן אונטער דער אויפגעשטעלטער
לעדערנער בויד און האָט זיך געזעצט
אויפן הינטערשטן געזעס.

— קאָנסט שוין פאָרן, איציק — האָט
ער אַ פליסטער געטאָן צום שטאָל־משרת,
וואָס איז געזעסן אויפן הויכן פאָדערשטן
געזעס.

איציק — אַ הויכער 25־יעריקער גבר,
מיט אַ טרוקן פנים, ווי פון האַרט ברוין
לעדער, מיט גבורהשע הענט און אַ קרום־
זיצנדיקער קעפּקע אויפן קאָפּ קוטשמע
האָר — האָט גלייך אַ כוואַשטש געטאָן מיט
דער בייטש איבערן פערדס רוקן, און
דער געשפאַן איז אַוועק צו דער קאָמוני־
קאַציע־גאַס.

## 4.

אויף דער קאָמוניקאַציע־גאַס, ווו אין
אַלערליי פּאָזעס זענען געשטאַנען מיטל־
יעריקע און עלטערע באַלעגאָלעס ביי זיי־
ערע פערד־און־וועגענער, אַרויסגעקוקט
אויף פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן צו דער ווײַ־
טער באַן־שטאָט, האָט איציק דער שמיי־
סער אָפּגעשטעלט דעם געשפאַן.

פון די הייזער אויף ביידע זייטן גאַס
האָבן געהאַלטן אין אַרויסקומען איינוווי־
נערס מיט פאַרשלאָפענע פנימער. יעדער
איז געווען אויפן וועג צו באַשעפטיקונג.
די פרימאָרגנדיקע פרישע מאַי־לופט,
דורכגענומען מיט פּערפום־ריחות פון די
בעזביימער ביי די טראָטואַרן, איז אַנגע־
טומלט געוואָרן מיט שכנימס באַגריסונ־
גען פון איינעם צו אַנדערן:

— גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר.

צווישן די באַלעגאָלעס, וואָס זענען געשטאַנען ביי זייערע געשפאַנען, איז אָבער געווען שטיל. געזען די אָנגעפאָרענע דראָשקע, האָבן זיי אפילו אָפּגעקערט די אויגן פון איר. זיי האָבן נישט ליב געהאַט ר׳ יאַנקל־יוספן און נישט זיין שלאַכעצקן געשפאַן, וואָס ציט־צו פאַסאַזשירן.

געשטעלט האָט זיך דער „שלאַכעצקער געשפאַן" אַ צענדליק טריט ווייט פון די אַנדערע פערד־און־וועגענער. איציק האָט דורכגעצויגן די לייצעס דורך אַ רינג, פאַרשלייפט זיי, נאָך דעם אַריינגעשטעלט די בייטש אין אַ ניקלענער סקיפקע און איז אַראָפּ פון דער קעלניע.

— מ׳האָבן זיך ניש פאַרשפעטיקט, באַלעבאָס — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו ר׳ יאַנקל־יוספן — קיינער פון די באַלעגאָלעס פעלט ניש. ס׳אַ סימן קיין שפעטע פאַסאַזשירן האָבן זיך נאָך ניש באַוויזן.

ר׳ יאַקל יוסף איז אויסגעשטיגן פון דער דראָשקע, געבליבן שטיין אויפן ברוק און האָט זיך אַרומגעקוקט.

ביז מיט אַ צענדליק יאָר צוריק האָט מען אין די פרימאָרגן־שעהען שוין נישט געזען קיין באַלעגאָלעס דאָ אויף דער קאָמוניקאַציע־גאַס. אַלע זענען זיי שוין געהאַט געווען העט־ווייט מיט פאַסאַזשירן אויפן שאָסיי צו דער ווייטער באַן־שטאָט. מיט אַ מאָל האָבן זיך אָבער באַוויזן פאַרמעגלעכע שטאָט־גוים מיט אויטאָמאָבילן, וואָס מ׳האָט גערופן „טאַקסעווקעס", און זיי האָבן געפירט פאַסאַזשירן צו דער באַן־שטאָט. קיין גרויסער חילוק אין פדיון איז נישט געווען. אָבער זייער שטאַרק האָט געלאָקט דער בליץ־שנעלער פלי פון דער נסיעה. די יאַזדע האָט געדויערט נישט מער ווי אַ צענטל פון דער געוויינלעכער רייזע־צייט מיט פערד. פאַסאַזשירן האָבן זיך נישט גענומען צום האַרץ די דערשלאָגנקייט פון די באַלעגאָלעס און פול מיט תענוג זיך געלאָזט מיט די טייווולאָנים פון דער ציוויליזאַציע. פון דער גרויסער צאָל באַלעגאָלעס איז דער נאָך געוואָרן אַ פערטל. די אַנדערע זענען צעוויכערט געוואָרן. איינער אַהין, אַ צווייטער אַהער. מ׳האָט זיי מער דאָ נישט געזען. דאָס רעשטל, וואָס איז געבליבן און האָט נישט געהאַט ביי וואָס צו ראַטעווען זיך, שטייט דאָ יעדן טאָג פון אין דער פרי אָן מיט זייערע געשפאַנען און האָפט: אפשר וועט זיך דורכן טאָג יאַווען אַ פאַרשוין וואָס מוז בלית־ברירה פאָרן מיט אַן איבערגעבליבענער „טשעפוכאַ" פון דער אַלטער צייט.

ער, ר׳ יאַנקל־יוסף, איז געווען איינער פון דעם רעשטל. אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ער האָט געהאַט זיין אייגנס עטלעכע דראָשקעס, איז געווען פאַררעכנט פאַר דעם מלך פון די באַלעגאָלעס, האָט ער זיך זעלטן־ווען געוויזן דאָ אויף דער קאָמוניקאַציע־גאַס. ער האָט געהאַט אַ געדונגענעם מענטש, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף די געשעפטן. נאָכן אויפקום פון די „טאַקסעווקעס" האָט ער אָבער אָפּגעזאָגט דעם געשעפטס־פירער, פאַרקויפט די געשפאַנען צו די רייכע שטאָט־פּאָליאַקן פאַר זייער אייגענעם שווילטאָג, און ער אַליין, וואָס איז געבליבן מיט בלויז דער איינציקער דראָשקע און איינציקן פערד, האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען דאָ יעדן אין דער פרי צו זען מיט וויפל פאַסאַזשירן איציק דער שטאַל־משרת פאָרט אַוועק צו דער באַן־שטאָט. נישט איין מאָל האָט ער שוין ביי זיך אפילו געהאַט אָפּגעמאַכט: אָפּזאָגן אויך איציקן און אַליין טרייבן דעם געשפאַן. אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם קוראַזש. ער האָט זיך געשעמט פאַר די שטאָט־באַלעבאַטים און אפילו פאַר די באַלעגאָלעס. דער עיקר האָט ער עס אָבער נישט געטאָן צוליב דער טאָכטער, עס זאָל איר נישט שאַטן צו אַ גוטן שידוך. יאָ, נישט בלויז דער אַראָפּפאַל פון דער הויכער מדרגה איז געווען פיינלעך, נאָר אפילו דאָס צופאַסן זיך צום מעמד פון אַ יורד איז אים אָנגעקומען מיט יסורים.

אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איציקן און מיט באַטריבקייט געמורמלט:

— אמת, איציק... אַלע פורלייט זענען נאָך דאָ. כ׳האָב גאָר נישט פאַרפעלט מיטן אָנקומען שפעט.

כדי נישט צו שטיין אויפן ברוק און דאַרפן זיך אָנקוקן מיט די באַלעגאָלעס, וואָס האָבן אים קיין מאָל נישט גערן גע־

האָט, האָט ער געוואָלט צוריק אַריין אין דער דראָשקע און דאָרט זיצן ביז ס'וועט זיך באַוויזן אַ פּאַסאַזשיר. אָבער ער איז נישט אַריין. ס'איז גאָר אומדערוואַרט יאָ דערשינען אַ פּאַסאַזשיר.

.5

געווען איז דער פּאַסאַזשיר אַ מיטל־יעריקער חסידישער ייד, וואָס איז אַר[...] פון אַ זייטיקער גאַס מיט אַ רענצל אין האַנט.

דורך די לייבער פון די שטום־שטייענדיקע באַלעגאָלעס איז דורכגעלאָפן אַן עלעקטרישער שטראָם. די אויגן האָבן זיך ביי זיי צעפּראַלט, און די פּנימער זענען געוואָרן צונטער־רויט. אַלע האָבן מיט אַ מאָל אַ שפּרונג אַוועק געטאָן פון זייערע געשפּאַנען און האָבן גענומען לויפן צום פרומען שטאָט־באַלעבאָס. זיי האָבן זיך געיאָגט מיט אַ ווילדן אימפּעט. יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער און אַ כאַפּ טאָן דאָס רענצל. די קולות זענען געווען איינס העכער פון אַנדערן:

— מיט מיר, ר' אבא גאָטלאָבער!

— מיט מיר!

— איך האָב אַ ווייך געזעס.

— מיין פערד לויפט ווי אַ הירש.

— איכ'ל אייך געבן אַ שירעם קעגן דער זון.

— איך — אַ דעקע פאַר אייער אַטלעסענער קאַפּאָטע קעגן שטויב.

ר' אבא גאָטלאָבער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ זייד־צעקעמטער שוואַרצער באָרד, איז געוואָרן מבולבל. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ און געוויזן מיט דער האַנט אויף דער דראָשקע:

— איכ'ל בעזרת השם פאָרן מיט ר' יאַנקל־יוספן...

די מערסטע באַלעגאָלעס, פאַרדראָסיק אויפן פרומען ייד און מיט קינאה צו זייער „קאָלעגאַ פּאָ פּאָכו", ר' יאַנקל־יוספן, זענען געבליבן שטיין. אָבער איינער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן. געווען איז ער: יואל־בערטשיק, דער פאָטער פון דעם בחור, וואָס ר' יאַנקל־יוסף האָט אים נישט געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם.

געווען איז יואל־בערטשיק אַן איבערגעוואַקסן־הויכער, אַ דאַרער, פון אַ יאָר 50, אין אַ געלאַטעטער קורטקע און מיט אַ דזשעגעכץ־אויסגעשמירטער קעפּקע אויפן קינדיש־קליינעם קעפּל. ער איז געבליבן שטיין מיט דער בייטש פאַרן חסידישן ייד, אַרויסגעריסן דאָס רענצל פון זיין האַנט און געשריען מיט כעס און מוסר אין זיין הייזעריקלעך קול:

— וואָס עפּעס אויפזוכן זיך מיוחסים? נישטאָ קיין מיוחסים דאָ. איך בין אויך אַ כשרער ייד! מיין מאַמע איז געגאַנגען אין מיקווה אַריין איידער זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט מיר. כ'בין נישט קיין בן־נידה...

— זייט מיר מוחל און גיט מיר צוריק מיין רענצל — האָט דער חסידישער באַלעבאָס זיך געבעטן ביים איבערגעוואַקסענעם יואל־בערטשיקן. — איך האָב האָלד דעם איידעלן ייד, ר' יאַנקל־יוספן. איז וואָס פאַר אַ חטא באַגיי איך?

דער דאַרער יואל־בערטשיק, מיט אַן אויסגעקרימט מויל פון כעס, האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט פון דעם פרומען יידס רייד און גענומען לויפן מיטן רענצל צו זיין פערד־און־וואָגן.

דערזען וואָס ס'גייט אָן, האָט זיך דער שטאָל־שטאַרקער איציק דער שמייסער אַ ריר געטאָן. ביז איצט איז ער געשטאַנען, נישט געוואָלט זיך אַריינמישן. פון זיין באַלעבאָס, ר' יאַנקל־יוסף, האָט ער פון לאַנג געהאַט אַן אָנזאָג נישט צו רייסן קיין רענצלעך און נישט קיין פּאַסאַזשירן. אַז דער באַלעבאַטישער פרומער ייד איז אָבער באַשטאַנען צו פאָרן נאָר מיט זיין באַלעבאָס, און דער איבערגעוואַקסענער יואל־בערטשיק איז געווען איינגעשפּאַרט נישט צו דערלאָזן דערצו, האָט ער, איציק, מער נישט געקאָנט זיך באַצווינגען. ער האָט געטאָן אַ שפּרונג מיט עטלעכע לאַנגפיסיקע שפּרייזן און איז געבליבן שטיין פאַרן דאַרן יואל־בערטשיקן אין איין אויגנבליק. ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, געמאַכט אים אַ „מי שברך" מיט אַלע ניבול־פּה פּיטשעווקעס און דערנאָך אים אַריינגעשטעלט אַ קנאַכיקע פויסט צווישןביידע אויגן:

אָדער־אָדער... — האָט ער געצישעט יואל־בערטשיקן אין קינדיש־קליינעם פּנים אַריין. — אָדער ד'גיסט מיר דאָס

רענצל, אָדער דיין זון דער בענקאַרט וועט נאָך היינט דאַרפן זאָגן קדיש נאָך דיר...

דאָס אָנרופן דעם זון „בענקאַרט" האָט אין דעם דאַרן יואל־בערטשיקן אָנגעצונדן דאָס בלוט. איצט איז אים שוין מער נישט געגאַנגען אין אַוועקנעמען דאָס פאַרדינסט פון ר׳ יאַנקל־יוספן. אַ כפרה דאָס געלט! איצט איז אים געגאַנגען אין עפּעס אַנדערש. ניט גענוג וואָס דער ר׳ יאַנקל יוסף האָט פאַרשעמט זיין זון, האָט נאָך דער שמייסער איציק געהאַט די חוצפה אָנצורופן דעם זון „ממזר". ווי האָט ער געוואַגט? זיין זון איז נישט אַבי־ווער! ער איז אַן אָנגעשטעלטער אין דער באַנק „עזרה". און מיט אים האָט נישט נאָר דער ר׳ יאַנקל־יוסף געהאַט די העזה צו וואַרפן זיך, נאָר אפילו זיין משרתניק איציק האָט זיך פאַרגינען צו מאַכן דעם זון צו שאַנד. ער, דער משרתניק, ווייסט געוויס אַלץ פון זיין באַלעבאָס און וויל זיך ביי אים אויפהייבן דורך צוהעלפן אים אפילו צו מאַכן אַ בילבול אויף דער טאָכטערס בחור, שלומקען. ער שעמט זיך צומאָל נישט צו זאָגן דאָס אים, דעם פאָטער, אין די אויגן אַריין. ער, יואל־בערטשיק, האָט געוואָלט לאָזן דאָס רענצל אויפן ברוק און אַרויפוואַרפן זיך אויף דעם קנעכטישן שמייסער־יונג מיט ציין און נעגל, עלעהיי ער וואָלט דאָס געטאָן מיט ר׳ יאַנקל־יוספן זעלבסט.

אַ קליין־געוויקסיקער באַלעגאָלע, וואָס צוליב זיין געלאַסן ריידן און דער גרויער באָרד האָט מען אים גערופן „נתן הנביא", האָט פאַרויסגעזען אַז בלוט וועט זיך באַלד גיסן אין גאַס. איז פאַרוואָס זאָל מען דערלאָזן דערצו? מ׳דאַרף אַז די איידעלע שטאָטלייט זאָלן טענהן אַז די באַלעגאָלעס האָבן נישט גאָט אין האַרץ? ער האָט האַסטיק אַ רוף געטאָן די אַנדערע פורמאַנעס און תיכף מיט זיי זיך אַריינגעוואָרפן צווישן ביידע צדדים:

— קיין רציחה צווישן יידן.

— יואל־בערטשיק, גיב צוריק דאָס רענצל.

— ר׳ אבא גאָטלאָבער קאָן זיך האָבן זיין אויסקלייב...

געצוווּנגען איבערצוגעבן דאָס רענצל, איז יואל־בערטשיק געבליבן שטיין פאַראיינזאַמט. יעדער פון די באַלעגאָלעס האָט זיך געהאַט אָפּגערוקט פון אים. ער איז געווען דערשלאָגן. דאָס איצטיקע געשעעניש איז פאַר אים געווען אַ צווייטע פערזענלעכע מפּלה. נעכטן אָוונט, ווען דער זון איז גקעומען אַהיים מיט דער וויסטער בשורה, אַז ר׳ יאַנקל־יוסף וויל אים נישט האָבן פאַר אַן אידעם, איז געווען איין מפּלה. און איצט, מיטן מוזן צוריקגעבן דאָס רענצל — די צווייטע מפּלה. דער געוועזענער „מלך" פון די באַלעגאָלעס, דער מיוחסדיקער ר׳ יאַנקל יוסף, כאָטש שוין אַ יורד, האָט, הייסט עס, אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכן צווייטן. ער האָט נאָכגעקוקט דעם חסידישן פּאַסאַזשיר וואָס האָט דערנענט מיט איציקן צו דער דראָשקע, ביי וועלכער דער ר׳ יאַנקל־יוסף איז געשטאַנען, און געצישעט:

— דו ביסט נאָך ניש פּטור פון מיר, דו הונטסוואָטישער מיוחס! — האָט ער געפּאָכעט מיט דער בייטש צו ר׳ יאַנקל־יוספן. — כ׳וועל נאָך ביי דיר דיינע קישקעס אַרויסלאָזן, דו עמלק!...

בינו־לבינו איז אָנגעקומען נאָך אַ פּאַסאַזשיר און נאָך איינער. ביידע, אויך פון פרומען שטאַנד, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצוה צו געבן דעם באַלעבאַטישן יורד, ר׳ יאַנקל יוסף, צו פאַרדינען. ביידע זענען אַריין אין דער דראָשקע און האָבן זיך געמאַכט באַקוועם אונטער דער בויד.

ר׳ יאַנקל־יוסף האָט טריבלעך נאָכגעקוקט זיין אָפּגעפאָרענעם געשפּאַן. דערנאָך האָט ער באַדאַנקט דעם גרוי־באָרדיקן רודף־שלומניק, „נתן הנביא", אויך די אַנדערע באַלעגאָלעס, פאַר העלפן פאַרמיידן אַ בלוטבאָד, און איז אַוועק אַהיים צו דער פאַרקלאָגטער טאָכטער.

.6

ביים טיש אין דער סאַליע איז געזעסן באַלטשע און האָט געשריבן אַ בריוו. מ׳האָט איר פּנים כמעט נישט אַרויסגעזען. זי איז געווען אַריבערגעבויגן איבער אַ וויס בייגעלע פּאַפּיר און האָט נישט אויפגעהערט שרייבן, כאָטש זי האָט געהערט דעם פאָטער אַריינקומען.

געשריבן האָט זי צו איר פאָטערס אַן עלטערער שוועסטער, וואָס איז געהאַט אַוועק קיין ניו־יאָרק אין אירע מיידלשע

יאָרן. דאָרט האָט זי חתונה געהאַט מיט
אַן אָפּערייטער, מיט וועלכן זי האָט גע־
אַרבעט אין זעלבן שאַפּ, און זי איז שוין
היינט אַ באָבע פון אַ סך אייניקלעך. גע־
הערט האָט מען פון איר זייער זעלטן.
אַז מ'האָט איר געשריבן, האָט זי געענט־
פערט. דער לעצטער בריוו פון איר איז
געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען דער
פאָטער האָט איר מודיע געווען אַז זיין
פרוי איז געשטאָרבן.

זי האָט זיך גענומען צום האַרצן דאָס
אָראָפּפאַלן פון הויכן מעמד איבער די
'טאַקסיוווקעס', וואָס זענען דערשיינען
אין שטאָט ווי אַ מגפה", האָט ער
געשריבן. זינט דעם דעמאָלטדיקן
מיטלייד־ענטפער האָט מען פון איר ווי־
דער נישט געהערט. איצט אָבער שרייבט
זי, באַלטשע גופא, איר בריוו מיט טרערן
אין די אויגן, מיט אַ הייסער בקשה דאָס
די מומע זאָל זיך דערבאַרעמען איבער
איר, דער ברודערן־טאָכטער, און זי אַרי־
בערנעמען קיין אַמעריקע. זי האָט שוין
דאָ אין דער פויליש־יידישער שטאָט גאָר
נישט וואָס צו טאָן. זי איז איינזאַם, אַ
האָפענונגסלאָזע יתומה. האָט זי געהאַט
אַ שטיקל אויסזיכט אויף אַ צוקונפט, האָט
עס איר דער טאַטע צעשטערט. און קיין
אַנדער אויסוועג האָט זי נישט. וואָלט זי
געהאַט נדן, וואָלט זיך אפשר אַן אַנדער
בחור געלאַקאָמעט. אָבער אין הויז הערשט
אַן אָרעמקייט, מ'קאָן קוים דורכקומען
מיט די מאָגערע פאַרדינסטן.

— צו וועמען שרייבסטו? — איז ר'
יאַנקל־יוסף אונטערגעקומען צום טיש און
האָט געפרעגט די טאָכטער.

באַלטשע האָט נישט געענטפערט. זי
האָט אָבער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, גע־
קוקט אויפן פאָטער מיט פאַרטרערטע אויגן
און געפיבערט מיט אירע טריב־צונויפּ־
געפרעסטע ליפּן.

ר' יאַנקל־יוסף האָט זי נישט געוואָלט
נייטן צו זאָגן. ער האָט מיטגעפילט מיט
איר. ער האָט אָבער געוואָלט זיך באַרעכ־
טיקן פאַר זיין שטרענגקייט צו איר נעכטן
אָוונט. ער האָט זיך געזעצט ביים טיש,
קעגנאיבער דער טאָכטער, און שטיל,
צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געמורמלט ווי
צו זיך:

— האָסט געדאַרפט זיין פריער אויף
דער קאָמוניקאַציע־גאַס... וואָלסט געזען
ווי ס'האָט זיך אויפגעפירט דער פאָטער
פון דעם בחור, וואָס איבער אים טראָגסטו
אַ בייז האַרץ אויף מיר... און דאָס איז
נישט ס'ערשטע מאָל. היינט אָבער, אין
גאַנצן אָן בושה... פאַר חרפה האָב'ך נישט
געוווּסט ווו דאָס פנים אַהינצוטאָן... איז
שטעל זיך פאָר ווי כ'וואָלט זיך געפילט
פאַר לייטישע מענטשן ווען ער איז מיין
מחותן...

באַלטשע האָט גאָרנישט געזאָגט. זי
האָט אָפּגעקערט די פאַרטרערטע אויגן
פון פאָטער און שטאַרקער צונויפגעדריקט
די פיבערדיקע ליפּן.

— אַוודאי זעט דער זון אויס צו זיין
אַנדערש — האָט ר' יאַנקל־יוסף ממשיך
געווען. — שוין דאָס אַליין וואָס ער האָט
געוואָלט עפּעס מאַכן פון זיך, און טאַקע
דערגרייכט, געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער
אין דער באַנק „עזרה", איז צו זיין שבח.
אָבער... דאָס איז נאָך נישט אַ רעיון פון
אַנדערשקייט. פאַר דער חתונה איז יעדער
יונגער מענטש, סיי בחור, סיי מיידל, אַן
אַנדער זגאַל. אָבער נאָך דער חופה קומט
פון זיי אַרויס דאָס אמתע נפש... פאַר דעם
האָב'ך טאַקע מורא געהאַט. אַזוי ווי ס'איז
זיין פאָטער, דער שטענדיק רוגזהדיקער
יואל־בערטשיק, אַזוי וועט נאָך דער חתו־
נה אויך זיין דער זון זיינער. אַ נישט־
איידל מענטש...

באַלטשע האָט אויך איצט נישט געענט־
פערט. זי האָט אָבער אויסגעבראָכן אין
אַ געוויין און אַריינגעטאָן דאָס פנים אין
די הענט.

אירע טרערן האָבן דעם פאָטער גע־
שניטן ביים האַרץ. אַ, ווען אין הויז וואָלט
געווען אַ מאַמע! זי וואָלט שוין געוווּסט
ווי צו ריידן צו דער טאָכטער. וואָס, וואָס,
אָבער פרוּוען פאַרשטייען איינע די אַנ־
דערע. פאַר אַ פאָטער האָט אַ טאָכטער
דרך־ארץ, גיט אים אָפּ כבוד, אָבער איר
האַרץ איז מיט שרעק פאַר אים, מיט
דערווידער, ווי צו אַ הערשער. ער האָט
צונויפגעפרעסט די ליפּן און איז אויפ־
געשטאַנען. איבער דער טאָכטער איז ער
לעצטע נאַכט נישט געשלאָפן. און אויפ־
געשטאַנען פרי איז ער, ווייל ביי זיין אַנ־

וועזנהייט אויף דער קאָמוניקאַציע־גאַס האָבן באַלעבאַטישע פּאַסאַזשירן גערן צו פאָרן מיט אים. ער איז אַריין אין שלאָפ־צימער, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס רעקל, די קאַמאַשן פון די פיס און זיך אַרויפ־געלייגט אויפן בעט.

## 7.

ס'האָט געדויערט היפּש לאַנג ביז באַל־טשע האָט זיך ווידער גענומען צום שרייבן דעם בריוו צו דער ניו־יאָרקער מומען. צוערשט האָט זי זיך געהאַט הויך צעכלי־פּעט, געווונטשן זיך דעם טויט, אָדער גע־בעטן זי זאָל גרוי און אַלט ווערן אין אַן אויגנבליק און נישט האָבן מער קיין יונגע פאַרלאַנגען. נאָך דעם, אַז זי האָט פאַר־ענדיקט דעם בריוו איז שוין אָבער געווען שפּעט צו גיין אין פּאָסטהויז אַריין צו קויפן אַ מאַרקע און דאָס אַוועקשיקן. זי האָט געדאַרפט צוגרייטן פאַרן פאָטער דעם מיטנטאָג־מאָלצייט. זי האָט זיך אָבער מיישב געווען. דער פאָטער איז סיי ווי נאָך נישט גרייט געווען צום עסן. איבער זיין ערגעריש נעכטן אוונט איז ער נישט געשלאָפן קיין גאַנצע נאַכט. און היינט איז ער אויפגעשטאַנען פרי צו באַגלייטן איציקן צו דער קאָמוניקאַציע־גאַס, ווי ער טוט עס יעדן אין דער פרי. ער איז דערפאַר באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט און ער שלאָפט נאָך אין אַ טיפן שלאָף.

זי איז גיך אַריין אין איר שלאָפצימער, איבערגעטאָן זיך אין אַ לייטיש קליידל פאַר דער גאַס, אויך אין שיכלעך, און זי איז אַרויס מיטן בריוו צום פּאָסטהויז, וואָס איז אין שטאָטישן האַנדלס־פּלאַץ.

אָפט ווען זי איז געווען אין יענער געגנט, נאָענט פון דעם גרויסן געמויערטן הויז, ווו ס'געפינט זיך די באַנק 'עזרה', האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט דאָרט און זיך געזען מיט איר בחור. אויך היינט האָט זי געהאַט גרויס חשק דערצו. זי האָט עס אָבער נישט געוואָגט צו טאָן. זי האָט בטבע נישט פאַרטראָגן קיין פאַרברעך קעגן פאַר־באָטענע זאַכן. אַז דער פאָטער האָט איר פאַרווערט זען דעם בחור, וויל זי נישט עובר זיין אויף זיין פאַרבאָט. אַ דערשלאָ־גענע און פאַרצווייפלטע איז זי אַריין אין פּאָסטהויז, אַוועקגעשיקט דעם בריוו און דערנאָך, אָן חשק, צוריקגעקערט זיך אַהיים, ווי זינט דער מוטערס טויט דאַרף זי אוואוירן דעם פאָטער.

נאָענט פון איר היים האָט זי אָבער פאַר־געסן אין איר געמיט און צעפּראַלט די אויגן אויף אַ צונויפגעלאָפענעם עולם מאַנסבילן און ווייבער אין גאַס.

דער עולם, מערסטנס פון שכנים, איז געשטאַנען הינטער די פענצטער פון איר היים, און צווישן זיי איז אָנגעגאַנגען אַ שמועס ווי צווישן לייט וואָס באַדויערן אַ שרעקלעך געשעעניש. אַזעלכעס האָט זי, באַלטשע, ביז איצט נישט געהאַט גע־זען, אַחוץ מיט עטלעכע יאָרן צוריק, ווען איר מוטער איז געשטאָרבן.

דערזען זי דערנענטערן זיך פון דער גאַס, האָבן די שכנים אויפגעהערט ריידן און גענומען קוקן אויף איר מיט טריבע אויגן.

— וואָס איז געשען? — האָט זי געקוקט אויף רעכטס און לינקס און געפרעגט.

קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער ערשטער, אָבער סוף־כל־סוף האָבן אַלע גענומען ריידן:

— אַ באַלעגאָלע איז ביי אייך אין שטוב.

— ער האָט געברענגט אַ שלעכטע בשורה...

— פון איציקן געשיקט מיט אַ דאָרפס־גוי.

— דאָס פערד איז געפאַלן.

— ס'האָט זיך מער נישט געקענט אויפ־שטעלן.

— און די פּאַסאַזשירן זענען געבליבן שטעקן אין מיטן וועג.

באַלטשע איז געוואָרן פאַרגליווערט און בלאַס. זי האָט נישט געקאָנט ריידן און נישט באַוועגן זיך. מיט אַ מאָל האָט זי אָבער גענומען לויפן און איז געבליבן שטיין אין דער סאַליע, ווו פּנים־אל־פּנים זענען געשטאַנען דער פאָטער און אַ קליין־געוואַקסיקער, גרוי־באָרדיקער באַלעגאָלע וועמען מ'האָט גערופן „נתן הנביא".

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט זי, נישט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט איר, אַ געשריי געטאָן צום פאָטער. —

ס'פערד איז דאָך געווען אונדזער איינציקע חיונה... וואָס וועט זיין אַצינד?

ר' יאַנקל־יוסף האָט זייטיק אַ באַרעמהאַרציקן קוק געטאָן אויף דער צעפּייניקטער און פאַרצווייפלטער יתומה און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול ביים טיש. ער האָט געשוויגן.

— קודם כל... — האָט מיט אַ טריב קול צו ר' יאַנקל־יוספן געזאָגט דער גרויבאָרדיקער פורמאַן, וואָס האָט אין דער פרי גערופן די באַלעגאָלעס אַוועקצונעמען דעם פרומען יידס רענצל פון יואל־בערטשיקן — קודם כל וועל'ך צוריקגיין צו דער חברה מיינער אויף דער קאָמוניקאַציע־גאַס און זען מ'זאָל אַרויסשיקן צוויי געשפּאַנען. איינעם, אויפצונעמען די פּאַסאַזשירן און זיי פירן צו דער באַן־שטאָט. און דעם צווייטן, אַהיים צו פירן די דראָשקע און אויך איציקן. שפּעטער וועט מען ווייטער טראַכטן...

ר' יאַנקל־יוסף, איינגעהויקערט, מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט נישט געעפנט דאָס מויל. ער האָט געהערט ווי דער אַלטער באַלעגאָלע פאַרלאָזט די סאַליע, אָבער זיך נישט אומגעקוקט.

## 8.

נאָנט צו זון־פאַרגאַנג האָט דורך די צעעפנטע פענצטער פון דער סאַליע אַריינגעדרונגען אַ גערויש פון דרויסן.

אויף דער אָפּגעבליאַקעוועטער קאַנאַפּע, וואָס מ'האָט אַמאָל געקויפט אין וואַרשע, איז געזעסן די פאַרטרויערטע באלטשע, אין פוס אַריבערגעלייגט איבערן צווייטן, דאָס פּנים אַריינגעטאָן אין די הענט, און דער געדאַנק — אין באַזאָרגטקייט וועגן דעם פאָטער. זינט דער אויפטרייסלענדיקער בשורה וועגן דער געשעעניש מיטן פערד העט־ווייט אויפן שאָסיי, איז ער מער נישט דער זעלבער. במשך פון עטלעכע שעה איז ער געהאַט געזעסן ביים טיש מיט די אויגן אַראָפּ, נישט גערעדט קיין וואָרט, נישט געגעסן, כאָטש זי האָט געהאַט צוגעגרייט דאָס מיטנטאָגיקע מאָלצייט. און דערנאָך האָט ער זיך פאַרקליבן אין שלאָפצימער אַריין און זיך געלייגט אויפן בעט. און אַזוי ליגט ער דאָרט זינט דעמאָלט.

דערהערט דאָס גערויש פון דרויסן, איז זי, באלטשע, אויפגעשטאַנען און האָט דערנענט צו די פענצטער.

אין דער גאַס איז צום הויז צוגעפאָרן דער גרוי־באָרדיקער באַלעגאָלע, וואָס האָט פריער געהאַט גערעדט מיט איר פאָטער אין דער סאַליע. ער האָט געטריבן זיין פערד און געפירט מיט זיך אין וואָגן איציקן און אויך עטלעכע באַלעגאָלעס. הינטער דער פור האָט זיך מיטגעשלעפּט די ליידיקע דראָשקע, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט מיטן דישל צום הינטערשטן טייל וואָגן.

געשטעלט זיך הינטער די פענצטער, איז דער גרוי־באָרדיקער פורמאַן, צוזאַמען מיט די אַנדערע באַלעגאָלעס, אַראָפּ פון וואָגן, פאַרנומען זיך דאָ אין דער דירה אַריין — און איציק איז געבליבן אין דרויסן. ער האָט אָפּגעבונדן די דראָשקע פון דעם וואָגן.

— ווו איז דער טאַטע? — איז דער פורמאַן „נתן הנביא" מיט דער גרויער באָרד, צוזאַמען מיט די מיטגעקומענע באַלעגאָלעס, געבליבן שטיין אין דער סאַליע און געפרעגט באלטשען.

באלטשע, אַ צעטומלטע פון אירע צו פיל ראָיענדיקע געדאַנקען, האָט אַ מורמל געטאָן עפּעס און איז גלייך אַריין אין פאָטערס שלאָפצימער.

— טאַטעשי... — האָט זי מיט מיטלייד אים לייכט באַרירט מיט אַ פינגער ביי זיין אָרעם און געפליסטערט: — מ'וויל דיך זען.

ר' יאַנקל־יוסף, מיט אַ טיף־געפאַלדעוועט פּנים, מיט פאַרנעפּלטע אויגן, איז נישט געשלאָפן, אָבער ער איז אויך נישט געווען וואַך. ער איז געווען אין אַ תוהו־ובוהו וועלט. ער איז אַראָפּ פון בעט, אַריינגעוואַקלט זיך אין דער סאַליע און מיט אַ טריבן אָבל־בליק געקוקט אויף די עטלעכע באַלעגאָלעס.

— הערט זיך צו, ר' יאַנקל־יוסף — האָט דער בידעריק־ווּקסיקער פורמאַן „נתן הנביא" געזאָגט מיט אַ באַרואיקנדיק שטילן טאָן אין קול — אין דער פרי וועט איר האָבן אַן אַנדער פערד פאַר דער דראָשקע. פרעגט נישט ווי אַזוי מיר חברה האָבן עס געטאָן. און אַז כ'זאָג

חברה, מיין איך אפילו דעם יואל־בערטשיקן, וואָס טראָגט אויף אייך אַ האַרץ פאַר זאַכן וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט פּרנסה... וואָס, וואָס, אָבער קיינער פון אונדז וועט נישט לאָזן פאַלן אַן אייגענעם... מיר זענען טאַקע גלייך אַוועק צום גבידישן לייבעלע פערדהענדלער און אָפּגעקליבן אַ פיינע געזונטע גניאַדע...

ער האָט אויך געוואָלט זאָגן אַז ס'פעלט נאָך אויס אַ ביסל געלט, דערפאַר האָט מען נישט געקאָנט אַהער ברענגען דאָס פערד גלייך איצט. אָבער ער און יואל־בערטשיק זענען אַוועק צו דער קהילה, און דאָרט האָט מען צוגעזאָגט צו העלפן. נאָך מעריב, האָט אַ דאָזאַר געזאָגט, זאָל מען קומען נאָך דעם פדיון. ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט ברענגען איבער זיינע ליפּן. ס'וואָלט דערשלאָגן דעם שטאָלצן ניצרך, ר' יאַנקל־יוספן.

ביי ר' יאַנקל־יוספן האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ דראַנג צו נעמען זיך דאָס לעבן. אַז אַנדערע זאָלן זיך דאַרפן דערבאַרעמען איבער אים, איז געווען צו־פיל פאַר זיין אַראָפּפאַל. נאָך שווערער פאַר זיין אַראָפּגעניטערטן מעמד איז אָבער געווען די חרפה אַז יואל־בערטשיק, מיט וועמען ער האָט זיך געשעמט צו משדך זיין, זאָל אין זיך דערשטיקן די בושה, וואָס ער האָט געליטן איבער דעם באַליידיקטן זון, און אַנשליסן זיך אין דער חברה מיט אַ העלפנדיקער האַנט. ער האָט געוואָלט זאָגן צום עלטערן באַלעגאָלע, דעם רודף־שלומניק, אַז ער איז מוחל. ער וויל נישט קיין רחמנות־געשאַנק. ער איז נישט געוויינט דערצו און ער'ט זיך קיין מאָל נישט קאָנען צוגעוווינען צו דעם. ער האָט אָבער נישט געקאָנט עפענען זיינע ליפּן. די טרערן האָבן אים גענומען שטיקן אין האַלדז. ער האָט שטאַמלענדיק בלויז געפליסטערט צום גרוי־באָרדיקן ראש־המדברים פון די באַלעגאָלעס, צו „נתן הנביא", אַז ער וויל יואל־בערטשיקן זען דאָ אין הויז:

— זייט אַזוי גוט און גיט עס אים איבער. כ'וויל זיך דורכריידן מיט אים וועגן עפּעס...

אַז די באַלעגאָלעס זענען אַוועק, האָט באַלטשע דערנענט צום פאָטער און אים אַרומגענומען:

— צו וואָס, טאַטעשי, ווילסטו זיך דורכריידן מיט שלומקעס פאָטער? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שטילער שטים, דורכגעווייקט מיט טרערן, וואָס האָבן זי געוואָרגן אין דער קעל.

ר' יאַנקל־יוסף האָט קוים געקאָנט שטיין אויף די פיס. ער האָט זיך אַריינגעוואַקלט צוריק אין זיין שלאָפצימער, געלייגט זיך אויפן בעט און נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל. ער האָט געטראַכט, זי וועט עס זיך שוין דערוויסן אַ ביסל שפּעטער.

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צו אַלע אונדזערע פריינד,

צו אַלע פאַרבליבענע מיטגלידער פון אונדזער משפּחה,

צו עם ישראל בארץ ישראל

ולכל דורשי שלום בכל העולם כולו —

**אונדזערע האַרציקסטע גליקווונטשן.**

**אריה און בעלאַ פּאַזי**